

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com
ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

# א גוטע נשמה

רוב שבח והודאה להשי"ת שזכיתי להוציא לאור הקלטת השביעית בסדרת א גוטע, ותלי"ת שהתקבלו ברוב חבה בכל תפוצות ישראל בכל מקומות מושבתיהם, ומושרים ברוב דביקות בבתי ישראל, בישיבות ותלמודי תורות, בבתי חינוך לבנות ישראל, ואפי' מתורגמים בשפות אחרות בכמה ארצות בעולם, חסדי ה' שזכיתי לחזק אלפי בני ישראל אם זה זקן ניצל מהשואה, או בעל בית שעושה שמחה, או ח"ו יהודי בעת צרתו, או חולה ל"ע בבית החולים, או יהודי בבית האסורים, או בחור בישיבה שמחפש התעוררות, או אמה מסורה לילדיה וכו' וכו'.

חסדי ה' שזכיתי להכניס חיות דביקות חמימות בכל כך הרבה אנשים נשים וטף, כן יזכנו ה' להמשיך להוציא מחשבותי אל הפועל, ויזכנו ה' מתוך בריות גופא ונהורא מעליא להמשיך עבודתי שאני רואה בזה שליחות קדושה.

אך דעו נא רבותי:

מאות ואלפי שעות מושקעים בכתיבת השירים ובבחירת הלחנים, כל ניגון וניגון נכנס כ"כ הרבה כח מחשבה ודמים תרתי משמע, כדי שזה יהי' תואם להשמע בבתים חרדיים בלי שום פקפוק, מכיון שהמוזיק מוקלט מקודם השירה בפה, האם יש לכם מושג שיש לי כיום יותר מעשרה שירים שהוקלט כבר המוזיק ואני לא מוציאו מכיון שזה לא למהדרין מן המהדרין.

בקלטת זה הושקע עבודה של שנים, מאות ואלפי שעות, יותר מ-$80,000, כדי להנות אתכם, מי שיכול לומר לי שהוא עושה קאפי ואינו משלם על CD אורגנלי מכיון שזה באמת גניבה בדבר שאין בו ממש, התשובה לכך הוא חד וחלק: במענטשליכקייט שלו, במדות שלו, בהכרת הטוב שלו, בהתחשבות שלו, — אין בו ממשות.

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

## יישר כח

אשא עיני אל ההרים
**לאבי מורי שליט"א**
**מוה"ר ר' משה שווארץ**
מירושלים – מאקווע
מיושבים ראשונה במלכות בית בעלזא
על עזרתו התמידית הרעיונות בכל עת
יאריך הקב"ה ימיו ושנותיו בנעימים

## יישר כח חזק

**שלום גאלדשטיין** — מנהל
**יוסי פעלדמן** — סוכן
**ישראל ווערצבערגער**
קלמן בידערמאן
שלמה זלמן ראזענבערג

## יישר כח

מגשים באוהל תבורך,
ביתו זו אשתו, **זוגתי החשובה**
שמחזקת ומעודדת אותי לכתוב
ולהוציא שירים, ומגדלת בני לתורה
יר"ש וחסידות, יה"ר שתזכה לראות
רוב נחת דקדושה, ונהיה אנחנו
צאצאני וצאצאי צאצאינו נחת רוח
לבורא ית"ש,
**בני החתן יואל**
**הב' ישראל מאיר**
**הב' יצחק דוד**
**הב' אהרן שלמה**
**הב' שמעון**
**ושרה מלכה תחי'**

עיבודים: **רובי בנט**
עיבוד קולי: **רובי בנט**
**תודה מיוחדת לחברי המקהלה** • סולן ילד: **הב' שמואל ווייס**
הוקלט: **גדעון לוין — G.Y.L. studios**
**אולפני זמירות — ר' חיים בנט בני ברק**
**אולפנו של נפתלי משה שניצלער**
Graphic Design: **י. זיגמאן** • Typesetting: **חיים יהושע הורוויץ**

## א הארציגער יישר כח

לידיד נפשי אין גומרים עליו את ההלל משים לילות כימים
מוקיר תורה ורבנן והוא גופא צורבא מרבנן
**מוה"ר ר' זלמן לייב דייטש ומשפחתו**
לעולם לא אשכח השבתים בצוותא חדא בביתך במוגסי מלא דביקות וחמימות
הרבה רעיונות מתחדשים בביתך
ויה"ר שיהי' ביתך מלא ברכת ה'

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

## 1. מענטשעלע טראכט

מלחין: ר׳ אליעזר קאליש-בעלזא
געשריבן: ר׳ יונתן שווארץ

שטייט זיך אין פאהליש א קרעמל
מזאגט רעות וועגן אברמל׳
א נייער ביזנעס האט ער אויפגעמאכט
יעדער איינער שטייט און ער לאכט
א שאד זיך צו זיין מטריח
ס'וועט סיי ווי נישט זיין מצליח
א גרויסע שטות טוט ער
זיין סוף וועט געבער זיין נאר ביטער
ווער ס'האט פרובירט, איז געווארן פארפירט
מ'וועט זיך בקרוב איבער צייגן
ס'וועט זינקען זיין שיפל
דער שאלה איז נאר וויפיל
וויפיל געלט ער וועט דערלייגן
יעדער איז מודה, א שאד זיין עבודה
זיין געלט איז על קרן הצבי
יוסל יענקל מיכאל
קלמן דוד און ישראל
אלע שטימען צו דערצו
אבער ווי נאר ער עפנט דאס געשעפט
א גוואלדיגע הצלחה אידם טרעפט
ממש לא יאומן, מ'האלט אין איין קומען
ער מאכט מיליאנען און מזומן
די וואס האבן געלאכט פון פריער
שטייען יעצט און קלאפען ביי זיין טיהר
מ'בעט אידם הלוואות מ'בעט אידם נתינות
א בראך אויף זייערע מבינות

**פזמון:**

**דער מענטשעלע טראכט, און דער אויבערשטער לאכט**
**דער מענטש קען נישט געבן קיין פסקים**
**מ'זעט עס בחיש, רבות מחשבות בלב איש**
**ועצת ה׳ הוא תקום**

א בחור קומט ארן אין ישיבה
ער טרעפט זיך נישט דארט זיין סביבה
יעדער לייגט אויף אידם א זיגל
צי לערנען איז ער נישט מסוגל
געבער ער האט נישט קין כשרונות
זיין לעבן איז פיל מיט כשלונות
צו משקיע זיין איז א שאד די צייט
ער איז נישט צו ג-ט און נישט צו לייט
ווער ס'האט פרובירט
איז געווארן פארפירט
דער משגיח די מנהל און זיין טאטע
אלעס אין דער וועלט
האט מען אידם צוגעשטעלט
אפילו מגיד שיעורים פריוואטע
א שאד די כח, א פארשטאפטער מח
יעדער איינער מאכט אויף אידם פאקן
טאג טעגליך ברציפות, האט ער רדיפות
פון דיר וועט שין נארנישט וואקסן
אבער פליצלונג א שינוי קען מען זעהן
מ'פארשטייט נישט וואס איז דא געשעהן
אין גאנצן בית המדרש קלינגט זיין קול תורה
א קשיא א תירוץ א לכאורה
בקיאות עיון ראשונים און אחרונים
ער וואקסט פון די גרויסע גאונים
טייזענטע בלעטער פארהערט ער זיך בחינות
א בראך אויף זייערע מבינות

— פזמון —

א מאמע איז זייער נישט געזונט
צו דאקטורים לויפט מען געשווינד
ער קוקט נאר ארויף דעם פאציענט
ער פסקנט אפ גלייך אויף די מאמענט
דער מחלה איז א שרעקליכן מין
ס'איז ליידער נישט דא וואס צו טוהן
א שאד צו לויפן אהער און אהין
אויף די מחלה איז נישט דא קיין מעדעצין
ווער ס'האט פרובירט, איז געווארן פארפירט
דער גרעסטע דאקטורים און פראפעסארן
וואס מ'האט נאר געגעבן, צו בעסערן דאס לעבן
איז אלץ נאר ערגער געווארן
די קינדערלעך אידערע,הערן די בשורה
או ווי שרעקליך די קלאפ איז
פארשטיין אבער מ'מוז, שניתן רשות
לרופא רק לרפאות
א איד איז זיך קיינמאל נישט מיאש
די תפילות מאכט אין היכל א רעש
טייכן טרערן פארגיסט מען ביים בורא
די תהלים פון די קינדער אין תלמוד תורה
צום צדיק מיט א קוויטל טוט מען לויפן

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

נאך און נאך זכותים איינקויפן
שמירת הלשון געמט מען זיך אונטער
און זכות דעם צו ווערן געזונטער
געהאלפן האט די בורא רפואות
מ' האט געזעהן אפענע ישועות
און די גאנצע משפחה הערשט א שמחה רבה
די איז געווארן א געזונטע באבע
א משפחה אזוי שיין און גליקליך
איינקליך מיט אור איניקלעך
מ'פליט ארום אויף שמחות און אלע מדינות
א בראך אויף די דאקטער'ס מבינות
— פזמון —

## 2. קיינמאל נישט אליין

מלחין: 1. ר' יוסף גרין
2. ר' משה ווינעבערגער
3. הר"ר שמואל ברזיל
געשריבן: ר' יונתן שווארץ

בערך לפני 4 שנים נסעתי בשליחות של חיי לייף ליין לבית החולים במנהטן נ.י. אצל חולה גלמוד וניסיתי לשמח אותו ובתוך הדברים אמר לי שהוא מרגיש בודד ויחידי בעולם ואין לו אף אחד כתבתי לכבודו שיר זה ומאז ששמע שיר זה ביקש ממנו כמה וכמה פעמים לשיר ניגון זה שזה מאוד מחזק אותו ואני מזמר ניגון זה כשאני מבקר אחינו בני ישראל בבתי חולים או בבית האסורים ומאוד מאוד חיזק הרבה אנשים נשים וטף. הרופא לשבורי לב יחבש לעצבותם.

א שיינער חלום האט א איד געזעהן
ביים ברעג פון ים איז ער געשטאנען
דער זון לייכט אזוי הערליך און שיין
א ווינטעלע בלאזט אזוי געשמאק און אזוי ריין
ער שפאצירט זיך ביים ים איינער אליין
שפאצירנדיג אפאר שעה אזוי בטעמ'ט
זעט ער אז דארט ווי ער גייט
ווערט א סימן פון זיינע טריט און דער זאמד
שפאצירנדיג אפאר שעה באמערקט זיך דער איד
חוץ פון זיינע טריט איז דא א סימן פון נאך אפאר טריט
וואס טיט זיך דא קען ער נישט פארשטיין
איך בין דאך דא איינער אליין
ווער נאך טוט דא מיט מיר מיטגיין
קיינער איז דאך דא נישט פארהאן
ס'איז נישט מעגליך ס'זאל עפעס אנדערש זיין
ווי דער באשעפער גייט מיט מיר שפאן נאך שפאן
ער גייט ווייטער און ער גיט א קוק
אויפן גאנצן לאנגע וועג אויף צוריק
איבערלעבט ער פון טריט צוויי פארן
ער מאכט זיך א חשבון א קלארן
ער משל'ט אויס די טריט לויט זיינע יארן
זעט ער אז אין די יארן ווען ס'איז איהם נישט געגאנגען אזוי גוט
פונקט דעמאלטס איז דא א סימן נאר פון איין פאר טריט
און אין חלום שרייט ער צום גרויסן טאטן
באשעפער פארוואס פונקט אין די שווערסטע צייטן
ווען עס איז מיר געגאנגען אזוי שווער
איך האב זיך געפלאגט מער און מער
קלי קלי למה עזבתני, למה עזבתני
הייליגער באשעפער איך פרעג ביי דיר
צו ווען איך האב זיך געמיטשעט אהן א שיעור
צו דען ביסטו דעמאלטס מיטגעגאנגען לעבן מיר
אב הרחמים, הוא ירחם עם עמוסים, ויזכור ברית איתנים
און א תשובה באקומט ער צוריק
מיין קינד גיב נאר גוט א קוק
אין די יארן וואס די האסט דיך געמוטשעט פלאגן
האב איך דיך אויף מיינע הענט געטראגן
ווען די האסט דיך געמיטשעט אהן א שיעור
ביסטו נאך געווען נענטער צו מיר
ווייל א איד מיז פארשטיין, ער איז קיינמאהל נישט אליין
עס גייט מיט איהם דער אב הרחמים
און יעדער מצב ווי א איד איז, גלייבן א איד אייביג מוז
אז עס גייט מיט איהם דער אב הרחמים
צו א איד האט יסורים, צו פארשפארט אין בית האסורים
גייט מיט איהם דער אב הרחמים
צי א איד פלאגט זיך מיט א קינד, צי איז לא עלינו נישט געזונד
גייט מיט איהם דער אב הרחמים
דער הייליגער בעל שם
זאגט ווען א איד איז אין א קלעם
אויף א דינעם שטריק קען מען דורך גיין דעם טיפן ים
מיט אמונה און בטחון אהן קיין שום פגם
אבער אהן אמונה קען מען זיך נישט געבן קיין ריר
מ'קען אפי' נישט דורך גיין די שוועל פון טיר
דער וואס האט בטחון און אמונה דער פרעגט נישט קיין שאלות

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

ער ווייסט פון באשעפער קומט אלעס
דער וואס האט נישט אמונה און בטחון
דעם העלפט נישט קיין שום תשובות
ס'האט נישט ביי אידם קיין שום חשיבות
ווען ס'זעט אויס איום ונורא,
ווערט מען נענטער צו דעם בורא
דער באשעפער לאזט דיך קיינמאהל נישט אליין
ס'באקאנט גוט די הגדרה
עמו אנכי בצרה
ער ליידט מיט מיט דיין געוויין
קוה אל השם, אפילו א יוד איז אין א קלעם
דארף אבער געדענקן יעדער יוד
אז דער בורא גייט מיט אידם אייביג מיט
א יודיש קינד מיז פארשטיין
אז א יוד איז קיינמאהל נישט אליין
דער באשעפער גייט מיט אידם מיט
אויף יעדן טריט און אויף יעדן שריט
חזק ויאמץ לבך, וקוה אל ה'

## 3. אויסגצייגן

**לחן: שמעתי מהר"ר יר"ט עהרליך ז"ל**
**געשריבן: ר' יונתן שווארץ**

רעיון ניגון זה קיבלתי מבני הבה"ח יצחק דוד נ"י לפני כמה שנים ואני מודה לו במאוד מאוד יעזרהו הקב"ה שיגדל מעלה מעלה ברוב ברכה והצלחה

א רב איז אמאהל אנגעקומען אין שטאט
ווי יודן שמועסן זיך הערט ער גראד
ער באקומט נאר א מארנעם ברוך הבא
דער גרויסער גנב איז שוין דא
א גנב ווי אידם האט מען נישט געזעהן דורות
ער האט גענגב'ט אלע ספר תורה'ס
יענע וואך שבת איז עס געשעהן
ער מיינט אז מ'האט נישט געזעהן

**פזמון:**
**דער רב אינגאנצן צעשיידערט ווערט ער**
**א מארנעם בלבול אויף אידם הערט ער**
**יחיאל האט אידם באלד ערקלערט**
**פון שמואל האב איך עס געהערט**

שמואל שמואל זאג פארוואס
האסטו פאר יחיאל געזאגט נאר דאס
אזא גנב ווי איך איז שוין נישט געזעהן דורות
גענגב'ט האב איך אלע ספר תורה'ס
שמואל ענטפערט אידם גלייך
איך האב קיינמאהל נישט געזאגט אזא זאך
איך האב געזאגט האסטו גענגבט נאר איין ספר תורה
יחיאל האט צוגעלייגט לכאורה

**פזמון:**
**דער רב אינגאנצן צעשיידערט ווערט ער**
**א מארנעם בלבול אויף אידם הערט ער**
**שמואל האט אידם באלד ערקלערט**
**פון גבריאל האב איך עס געהערט**

גבריאל זאג פארוואס
האסטו פאר שמואל געזאגט נאר דאס
אז איך האב גענאנב'ט נאר איין ספרי תורה
ס'איז שקר איום ונורא
גבריאל ענטפערט אידם גלייך
איך האב קיינמאל נישט געזאגט אזא זאך
כ'האב נישט געזאגט קיין ספר תורה גיין
נאר סתם א ספר אליין

**פזמון:**
**דער רב אינגאנצן צעשיידערט ווערט ער**
**א מארנעם בלבול אויף אידם הערט ער**
**גבריאל האט אידם באלד ערקלערט**
**פון עוריאל האב איך עס געהערט**

זאג נאר עוריאל זאג פארוואס
האסטו פאר גבריאל געזאגט נאר דאס
אז איך האב גענגב'ט א ספר אליין
ס'איז דאך ממש נישט אמת גיין
עוריאל ענטפערט אידם גלייך
כ'האב געזאגט אינגאנצן אן אנדערע זאך
אז יענע וואך שבת אין יענער שטאט דארט
האט אידר געזאגט א גוט ווארט
יענער וואך שבת אין יענעם שטעטל
האט אידר געזאגט א דרשה ביים ברעטל
ס'איז טאקע געווען נאר א שיינע תורה
גענגב'ט פון א ספר לכאורה
איז געקומען עוריאל
און ער האט געזאגט פאר גבריאל
און גבריאל האט געזאגט פאר שמואל
און שמואל האט געזאגט פאר יחיאל

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

און יחיאל האט געזאגט פארן גאנצע בית המדרש
אין די מעשה איז געלאפן כחפזון
געווארן איפגעבלאזן
א באקאנטע כלל
וואס שטייט אין חז"ל
לשון הרע נעמט מען אהן איבעראל
דער מספר דערציילט נאר א קליינע זאך
יעדער לייגט צו אסאך
דער לייגט צו פעפער דער לייגט צו זאלץ
דער לייגט צו פיטער דער לייגט צו שמאלץ
דער איז מוסיף א קלו דער איז מוסיף א גראם
יענער איז מען שופך דם
דער איז מוסיף א אגם (מדה אמרקאית)
דער איז מוסיף א פונט (מדה אמרקאית)
מ'מאכט פון דעם א גרויסן ווינט
איינער זאגט כ'האב געהערט וואס איז געשעהן
דער צווייטער זאגט שוין איך בין דארט געווען
דער דריטער זאגט כ'האב אליין געזעהן
כ'האב אפילו עדות צען
פון א שיינע תורה וואס מ'הערט, א גנבת ספר תורה ווערט
אלעם האט זיך אנגעפאנגן פון עזריאל
עזריאל האט געזאגט פאר יחיאל
יחיאל האט געזאגט פאר שטיין
שטיין האט געזאגט פאר קליין
קליין האט געזאגט פאר כהן
כהן האט געזאגט פאר לוי, לוי פאר ישראל
די גאנצע שטאט רעדט און עס טוט זיך א בהלה
דער מעשה איז נישט געשטיגן און געפלויגן
מ'האט עס נאר איסגעצויגן

## 4. א גוטע נשמה

מלחין: הר"ר שמואל ברזיל — רגש
געשריבן: ר' יונתן שווארץ

**מיוסד ע"פ דברי האדמו"ר הראשון לבית בעלזא השר שלום זי"ע כפ' תזריע**

א נשמה אזוי היליג אזוי ריין
זיצט לעבן כסא הכבוד אזוי שיין
דער מלאך קומט און זאגט די מיזט פארשטיין
נשמה נשמה ס'איז שוין צייט צו גיין
נשמה נשמה איך וויל דיר דא ערקלערן
אז א קינד דארף באלד געבוירן ווערן
די דארפסט דיך פאראייניגן מיט די קינד צוזאם
די ביסט איר נשמה און די ביסט איר פלאם

**פזמון:**
**אבער מלאך מלאך גיין איך וויל נישט גיין**
**דא איז דאך אזוי הייליג לויטער און ריין**
**איך זיין דא אויף אזא דערהויבענער בחינה**
**ונהנה מזיו השכינה**

אזא גרויסער אור טוט דא לייכטן
און אזא חשכות איז אויף דער עולם התחתון
שווערקייטן יעדן טאג טעגליך
אסאך מאל פילט מען ס'איז ממש נישט מעגליך
יעדן טאג פרישע נסיונות, בין ברצון ובין באונס
היום אומר לו עשה ועשה כך
ביז דער מענטש ווערט ביי זיך איינגאנצן שוואך
אין וויפיל יודן מאכן געבער מיט
צרות יסורים אויף יעדן טריט און שריט
מלאך מלאך לאז מיך בלייבן דא, ווייל נוח לו שלא נברא

**פזמון:**
**מלאך מלאך גיין איך וויל נישט גיין**
**דא איז דאך הייליג לויטער און ריין**
**איך זיין דא אויף אזא דערהויבענער בחינה**
**ונהנה מזיו השכינה**

נשמה נשמה עס ווענד זיך נישט און מיר
נשמה נשמה עס ווענד זיך נישט אין דיר
אזוי דער בורא הייסט דיך גיין איז דעמאלטס ניי
בעל כרחך אתה נולד ואתה חי
נשמה נשמה געדענק נאר גיט איין פרט
די גייסט דאך נאר אויף א שטיק צייט
טאמער ווערסטו הארעווען אהן א שיעור
ווערסטו צוריק קומען נאך שענער ווי פרייער
דער בורא וויל דאך קיינעם נישט בעוולען
ער זאגט בראת יצר בראתי תורה תבלין
נשמה נשמה אין א יעדער מאמענט
די בחירה ליגט דאך נאר אין דיינע הענט
עס איז אמת אסאך מאהל קומט עס אהן שווער
ס'איז טאקע דא נסיונות מער און מער
לפום צערא וואס מער צער
אגרא בקומט מען די שכר
ס'איז אמת אז מען מאכט אסאך מאהל מיט
אין אנדערע אינגן ווען עס איז נישט גוט
נסתרים הם דרכי השם
דער באשעפער'ס וועגן קענסטו נישט פארשטיין

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

ווי חשוב איז יסורים ממרקן
ווי טייער איינמאהל אז מען טוט זיך שטארקן
יפה שעה אחת אפילו נאך איין שעה
מכל חיי העולם הבא

**פזמון:**
**מלאך מלאך יא איך וול שוין גיין**
**איך וועל צירוק קומען אסאך מער לויטער און ריין**
**איך וועל ארבייטן אויף נאר א גרויסע בחינה**
**נאך נענטער ווערן צום הייליגער שכינה**

## 5. לטובה
### לחן: מארש חסידי
### געשריבן: ר' יונתן שווארץ, ר' פייוול קליין

די גמרא פארציילט, ווי א מכה פארהיילט
צוויי שותפים גרייטן זיך צוואם
וואכן אין טעג, צו פארן אויפן וועג
צו מאכן געשעפטן איבערן ים
איינעם איז צושטערט זיין פלאן, טיף אין זיין פיס איז א דארן אריין
ער ליגט נעבעך אין דעם קראנקן בעט
מיט זיינע מחשבות צו זיך ער רעדט
מיין שותף אליין די געלט מאכן ער וועט
חדשים זענען ארורך געגאנגען, ביז עס אנגעקומען די קלאנגן
דער שיף איז איינגעזונקן געווארן
אומזיסט איז געווען מיין כעס און צארן
איך לעב היינט נאר וועגן דעם דארן

**פזמון:**
**איך האב געוויינט, ווייל איך האב געמיינט**
**א ס'איז טאקע א שווערע מכה**
**סאיז געשען, כ'האב אבער איינגעזעהן**
**אלעס איז לטובה זיכער געשעהן**

ער לויפט צום פליגער און דער זייגער ער זעהט
ער איז אנגעקומען איין מינוט צו שפעט
איך מיז פארן ער שרייט און ער בעט
די גוי זאגט אים "סיר יור טָא לֵעיט" (אתה מדי מאוחר)
אפאר שעה שפעטער איז ער געווארן קלינגער
ס'איז לא עליט געפאלן די פליגער
ער געכט זיך טאנצן זיין שמחה איז זייער גרויס
איך האב פארשפעטיגט איין מינוט בלויז

— פזמון —

צוויי קינדער איינגאנצן צובראכן
מען רעדט זיי א שידוך נאנצעטע וואכן
כח און געלט האט עס שוין געקאסט
פון די גאנצע זאך גארנישט ארויסגעלאזט
וואכן חדשים אריבער ס'גייט
זייער הארץ ווערט נאכאמאל מיט פרייד
דער שמחה ווערט אסאך אסאך גרעסער
ביידע קינדער האבן געטראפן בעסער

— פזמון —

אלעס וואס פאסירט, לטובה ווערט געפירט
פון דעם קל ההוראות
פריער צו שפעטער, די גוט'ס דערפון זעט ער
ווייל מאתו לא תצא הרעות
אין הייליגע תורה שטייט עס געשריבן
יוסף הצדיק קיין מצרים פארטריבן
פרעה איז אידם דארט ממנה
געראטעוועט פון הונגער די ברידער זיינע
כי למחי' שלחני
אויך ביי אסתר המלכה זעהט מען בפירוש
גענומען געווארן צום קעניג אחשורוש
יודן וויינען בכי ויללה
פון דעם איז געקומען המנ'ס מפלה
ליהודים רווח והצלה

— פזמון —

א יונגערמאן מיט נאר א שיין געהאלט
זיין בעל הבית זאגט אידם איין טאג זייער קאלט
יישר כח פאר דיין ארבייט ביז אהער
אבער איך דארף דיך שוין נישט האבן מער
ער זוכט אן ארבייט און ער קען נישט טרעפן
א איינציגעם ביזנעס גיבט ער זיך אן עפען
דעם אלטן באָס זאגט ער א דאנק דיר
לעב איך היינט ווי א שיינער גביר
ער וואוינט אין א דירה נאר א קליינעם
מיט א גרויסע משפחה און איינעם
זיין לענדלארד קומט מיט א נאר א שלעכטע בשורה
ביז צוויי חדשים זיך א נייע דירה
ער זוכט און זוכט ער ווערט שוין זאט פון לויפן
און איינעם הויז מיז ער זיך קויפן
דעם אלטן לענדלארד (בעל הדירה) זאגט ער א דאנק דיר
לעב איך היינט ווי א שיינער גביר

— פזמון —

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

משיח צדקינו וועט אט אט קומען
כל מאן דעביד וועט יעדער צושטימען
אז אלעס וואס א מענטש האט נאר געליטן
לטב עבד איז געווען צום גיטן
מ'וועט זעהן די חסרים פון דעם בוחן כליות
תישבי יתרץ קושיות ואבעיות
דאן וועט מען שוין אלעס פארשטיין
במהרה בימינו אמן

— פזמון —

## 6. א בחור אין ישיבה

לחן: 1. ר' יוסף גרין 2. ר' שלמה קאליש
געשריבן: ר' יונתן שווארץ

לפני כשנתיים נכנס לחנותי יהודי יקר מא"י שאני מכירו זה כמה שנים ואמרתי לו אשרי שזכית לבן יקר כזה שהוא מורה הוראה גדול בישראל אברך אב בחכמה ורב בשנים ושמו מפורסם בעולם התורה ותוך כדי דיבור הוא הוציא את ארנקו והוציא משם מכתב ושם היה כתוב תוכן ניגון זה וברור שאלפי בחורי חמד לומדים תורה במסי"נ ולא כל אחד רואה פירות מיד ראוי מאוד שידעו שסוף הכבוד לבוא

זיצט זיך א בחור אין היילגע ישיבה
פילט זיך אינגאנצן אינדרויסן פון סביבה
דער גאנצער ישיבה מיינט דאך גארנישט מיר
ער האלט נישט מיט קיין אין איינציגער שיעור
אין גאנצן בירהמ"ד קלינגט א קול תורה
א קשיא א תירוץ א ראיה לכאורה
ללמוד לשמור לעשות ולקיים
אויף אלע בחורים זעט מען אן אמת'ער שמחת החיים
ס'איז די טעג פון שלשת ימי הגבלה
יעדער זיצט אין הארעוועט מיט גרויס עמלה
פאר קבלת התורה גרייט מען זיך צו
ביז שפעט ביינאכט פון פארטאגס זייער פרי
היילגער באשעפער איך וויל אויך זיין ערהליך
אבער עס גייט מיר אזוי שווערליך
היילגער באשעפער איך בעדט דיך געטריי
פארוואס אין ווילאנג וועל איך זיין נאך אנדערש ווי זיי

יעדער גייט שלאפן שפעט ביינאכט
א גמרא אין בית המדרש האט ער אויפגעמאכט
ער מישט און מישט בלאט נאך בלאט
ער פארשטייט נישט קיין איין ווארט פשט
ער פאלט אויפן גמרא מיט גרויס געוויין
מיין צער וועט קען דען פארשטיין, נאר די תנאים ואמוראים אליין

**פזמון:**
**איך בעט ענק היילגער תנאים היילגער אמוראים**
**גייט'ס אין הימל און בעטס פאר מיר**
**מיין צער איז גרויס אהן א שיעור**
**ס'גיסט זיך ווי א טייך א טרער נאך א טרער**
**ער וויינט ביטער אהן אויפהער**
**ווי לאנג וועט מיר נאך גיין אזוי שווער**

איך בעט דיר היילגער תנא ר' עקיבא
די פארשטייסט דאך מיין צער אין ישיבה
די האסט דאך געזעהן ווי עס רינט וואסער אויף א שטיין
האסטו איינגעזעהן אז ס'איז קיינמאהל נישט שפעט ניין.
טייכן טרערן איך פאר גיס אויף דיין גמרא
איז בעט פאר מיר א תפלה קצרה
אז ותן בלבי בינה להבין
ס'זאל נתקיים ווערן והסירותי לב האבן
איז אבינו אב הרחמן בעט איך מיט כוונות
טאטע זיסע האב אויף מיר רחמנות
המרחם רחם עלינו, עפן מיינע אויגן והאר עינינו
איז והאר עינינו בתורתיך, ודבק לבינו במצוותך
באשעפער נעם מיך נענטער צו דיר
דיין תורה איז דאך אויך געגעבן געווארן פאר מיר
איך האב פרובירט און פרובירט אזוי פיל מאהל
איך בין דורך געפאלן אהן א צאהל
יעדער זמן הייב איך אהן פון פרייש
היילגער באשעפער ס'גייט מיר נישט
חז"ל זאגן אונז דאך צו אזוי
אלמלא הקב"ה עוזרו, אהן דיר באשעפער אינו יכול לו

— פזמון —

ס'איז דורך געגאנגען א תקופה, ס'ווערט נתמלא זיין שאיפה
ער הארעוועט און ער פארשטייט שוין פשט
ער לערנט א בלאט נאך א בלאט
ער פילט נאר א טעם א זיסע
ער באקומט שוין די בעסטע חברותא
ער הייבט אן פילן און לעבן א טעם
מיט א חיות און מיט א פלאם

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

**פזמון:**
**ער פילט א חיים א חיים, ער לערנט די הייליגע תורה**
**ער פילט א חיים א חיים, ער איז צוגעבינדען צו דער בורא**
**א חיים א חיים, זיין לעבן איז א נייער בילד**
**ער פילט א חיים א חיים, מיט שמחת החיים אנגעפילט**

ער ווערט די בעסטע בחור אין ישיבה
הוא הורה הוא הדרה הוא זווה
יעדער קיקט אויף אים ארויף
א גאון וואקסט ער אויף
פילט זיך אינדערהיים אין יעדע סוגיא
צו דאס חצי שעור צו דאס מינו
הלכות שבת וואקסט ער א בקי, לערנט אהן קיין הפסקה
א שידוך געטוהן נאר א גוטן, א חשובע כלה און מחותן
א חתונה אזוי דערהויבן און גוט, די תורה טאנצט דארט מיט
נעגאנגען אין כולל להוראה, כי לו נאה כי לו יאה
ידין ידין יורה יורה, געוואקסן א גדול בתורה

— פזמון —

ער איז א דוגמה וואס יעדער זעט
ס'איז קיינמאהל נישט צו שפעט
יעדער קען וואקסן אין שטייגן, מ'דארף נאר כוחות לייגן
א תפילה צום בורא כל עולמים, בבית ה' לאורך ימים
א שמחת החיים נאך און נאך, יוסיפו לך

## 7. תומכי שבת
### לחן: ר' משה גאלדמאן
### געשריבן: ר' יונתן שווארץ

**בעולם שכל כולו שקר וכל אחד מדמיין שהעשבים ירוקים יותר אצל השכן כדי מאוד לשמוע שיר זה**

כי כעמך ישראל, צו ווערן נתפעל
חסד אלעמאהל, טוט מען אהן א צאהל
יעדער ליל ששי, מיט כוחות פרישע
מ'טוט חסד א גאנצע נאכט
פעקלעך צו טיילן, נישט מעגלעך צו דערציילן
וויפיל חסד תומכי שבת מאכט
צו אריימע משפחות פעקלעך צו שיקן
קראנקע און שוואכע אויף שבת צו דערקוויקן
במאכלי ערבות במיני מטעמים
פאר יורן וואס קיין געלט איז נישט פארהאנען

קינער ווייסט נישט פון וואו קינער ווייסט נישט פון וועם
בדרך כבוד אזוי איינגענעם
א יוד קומט אריין, ער לייגט פאר א פלאן
צום דירעקטאר הייבט ער אהן צו שמועסן
איין משפחה צאהל איך אויס
אויף א גאנץ יאהר פאראויס
פאר וועם עס גייט וויל איך אבער וויסן

**פזמון:**
**גיין גיין, מיר קענען נישט באשטיין**
**בדרך כבוד מיז אלעס גיין**
**מיר זאגן נישט פאר וועמען, מיר געבן נישט קיין נעמען**
**מיר ווילן חלילה נישט פארשעמען**

ער בעט נאך און נאך, טראכטט אפשר דאך
איך גיב אייך דא א גרויס געלעגנהייט
איך זאג אייך צו קלאר, הונדערט משפחות אויף א יאהר
זאגט נאר פאר וועמען ס'גייט

— פזמון —

דער יוד שטייט ווייטער און ער רעדט
איך צאהל אייך אויס דעם גאנצן בודזשעט
זאגט מיר נאר ווי סאך
אויף א יאהר פאראויס צאהל איך אויס גלייך
איך האב אבער נאר איין תנאי
געט'ס מיר די נעמען פון זיי
מען ווייסט עס נישט וויסן פון מיר
ס'בלייבט צווישן מיר און דיר

— פזמון —

אויב פון אייך ווערן נעמען נישט באוואוסט
איז לייגט מיך ארויף אויף אייער ליסט
דער גאנצער שטאט מיינט אז איך בין א גביר
איך מוטשע זיך אבער אהן א שיעור
איך האב נישט אויף קיין חלות אויף קיין וויין
דער אמת איז איך בין אן אריכמאן
דער הבטחות איז נאר געווען א נסיון
איך זאל נישט צו קומען לידי בזיון
מ'האט דעם יוד דערקוויקט, אויף שבת געשיקט
אים צוגעשטעלט א שבת כהלכה
כיד המלך, אזוי ווי געוועגליך
במלבושי כבוד זבח משפחה
מי כעמך ישראל, צו ווערן נתפעל, חסד טוט מען אלעמאהל
אויף יעדער טריט און שריט, חסד מ'טוט
ווער איז נאך ווי דיין פאלק דער יוד

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

בזכות גמילות חסדים, זאל דער יוצר האדם
פון גלות אונז נעמען ארויס
בקרוב בימינו, מיט משיח צדקינו, ליום שכולו שבת
איך זאג דיר קלאר אז איך קען אידם, איך ווייס וואס טוט זיך ביי יענעם
כבוד געלט און פארמעגן
אלעס גייט אידם אויף גאר גוטע וועגן
אלעס האט ער ככל הצורך
חכמת שלמה און עשירות ווי קרח
איין טאג האט אלעס געקראכט
מען זעט אן אז עס האט זיך גאר געדאכט
גיין גיין, די קענסט נישט פארשטיין
וואס טוט זיך ביי יענעם אינדערהיים
ביי די גרעסטע געמען, איז דא פראבלעמען
ס'איז נישט קיין חילוק ביי וועמען
טייערע יודן, לאמיר זיין צופרידן, האטס נישט קיין פחד קיין מורא
קוקטס נישט אויף קיינעם, פארלאזט זיך אויף איינעם
אויף אונזער הייליגער בורא
ווייל גיין גיין, די ביסט נישט אליין
דער בורא טוט מיט דיר אייביג גיין
ער לייזט די פראבלעמען, סי נאר ביי וועמען
ווייל ער איז אונזער רועה נאמן

## 8. בני בני

לחן: הר"ר יוסף חיים שווארץ
געשריבן: ר' יונתן שווארץ

**שיר מיוחד שחיברתי לכבוד בר מצוה של בני הבה"ח אהרן שלמה נ"י**

מיין טייער קינד הער זיך צו צו מיר
אפאר ווערטער וויל איך שמועסן מיט דיר
ווייל היינטיגן טאג האסטו בר מצוה געהאט
ס'איז דאך נאר א דערהויבענער צייט
יעדער קומט זיך מיט דיר דא באגעגענען
מיט די קינדער יארן נייסטו זיך געזעגענען
די ביסט שוין א גדול לכל הדעות
די טראגסט דאך שוין דיין איינענעם אחריות
בני בני נעם דיר אין זכרון, ווי טייער איז די בחורישע יארהן
א טאג וואס איז פארביי ווערט מען נאך אמאהל נישט שענקן
נאך די יארהן וועסטו אייביג זיך נאך בענקן
וואס מער תורה וואס מער מידות כאפסט נאך און נאך אריין
א טאג פון א בחור ווי א יאהר פון א יונגערמאן
גיין ארים די טעג אין יארהן ווערט מען דיר זיין מחשיב

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

איכתי ואם לא עכשיו

פריי פון דאגות פון די דרויסענדריגע וועלט
פריי פון דאגות פון פרנסה פון קיין געלט
און לך בן חורין ווייסטו דאך לכאורה
אלא מי שעוסק בתורה
די באקומסט נאר א גרויסע נאסט
נעם אידם אויף אזוי ווי עס פאסט
מאך דעם יצר טוב א ברוך הבא
נעם אידם מיט אין יעדן שעה ושעה
בני בני פיל כוחות טו נאר ליינן
די האסט דאך אלע כלים צו שטייגן
צו וואקסן גרויס אין תורה ארן א שיעור
מיין קינד ס'ווענד זיך נאר אין דיר
איין זאך דארפסטו זאגן געדענק עס גוט בני
אז אין הדבר תלוי אלא בי
און אז דער יצר הרע קומט און ער פארדרייט דיר דיין דעה
לבית המדרש משכהו

מיין טייער קינד איך פארשטיי ס'איז דא נסיונות
בין ברצון ובין באונס
מיר זענען גרייט דיר צו העלפן אלע צוזאמען
דורך גיין די שטארמדיגע ימים
מיט אהבה און ליבשאפט ארן א שיעור
מיין קינד די האסט דאך און אפענע טיר
מיר וועלן העלפן אלע מאהל די זאלסט קענען בלייבן שטארק
ארן צוקומען צו דער שפיץ פון בארג
בני בני איין זאך דארפסטו וויסן
די אלע וואס האבן זיך אפגעריסן
נישט נאר וואס זיי פארלירן די עולם הבא
ווי פארלירן אלעס אויך אויף די וועלט דא
ווי חשוב איז א בחור וואס הארעוועט יעדן טאג
הער נאר וואס צדיקים געבן אונז א זאג
ס'איז חשוב פארן בורא לא יאומן כי יסופר
ווי עבודת כהן גדול אין יום כיפור
בני בני כוחות טו נישט שפארן
די גאנצע לעבן ווענד זיך אין די יארהן
און זיי א חכם וואס דער גולד שיין פון פרייער זעט ער
וואס מען נעמט זיך יעצט נאר דאס בלייבט אויף שפעטער
די געסט זיך קים א דריי און די יארהן איז פארגאנגן
אט שטיים מען אונטער די חופה שטאנגן
מיט א יראת טהורה כאפ זיך ארן אין די תורה
וועסטו האבן אלע ברכות פון די בורא
יברכך ה' וישמרך, יאר ה' פניו אליך ויחנך
ישא ה' פניו אליך, וישם לך שלום

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

# 9. א צייטונג

לחן: ר' שלמה קארליבך ז"ל
געשריבן: ר' יונתן שווארץ

א צייטונג אמאהל ביי כלל ישראל
איז קיים געווען צוויי דריי בלעטער
נאר ווייניג דעות, געשריבן מיט אחריות
אביסל פון די וועלט און פון די וועטער
היינט א וועלט א נייע, יעדער האט א דעה
צייטונגן קומען נאך און נאך
צום ווינען אים צו לאכן, אויף אלע מיני שפראכן
ס'ווערט דיקער פון וואך צו וואך
יעדער שרייבט אויף זיך אהן קיין מורא
נאר אונזער צייטונג על פי דעת תורה
נאר אונזער צייטונג שיין, פון לשון הרע ריין
נאר דאס מעג אין א יודיש שטוב אריינגיין
אלטס געשריבן דארט כמו שצריך
ווער דארף חלילה היינט א שלחן ערוך
הלכות שבת הלכות פורים מיט אלע מיני סארט הלכות
אין די זייט אביסל קללות וברכות
איין עמוד אויף די סדרה מאמרים
א צווייטע עמוד אנגעפוהלט מיט שקרים
איין עמוד פיל איז, מיט עצות און סגולות
אין די זייט לשון הרע מיט רכילות
יעדע צייטונג שרייבער שעמט זיך מיט זיין נאמען
מנשה שרייבט זיך אונטער בנימין
שטיין רופט זיך קליין און יענקל רופט זיך חיים
הצד השוה שבינידם

**פזמון:**

**שקר און בלאף אהן א שיעור און אהן א סוף**
**דברים בטלים ומבוטלים**
**דער פאפיר פרעגט נישט קיין שאלות**
**פאר א פאר דאלער אלעס**
**אלע סארטן שטותים והבלים**

אין צייטונג לייגט און חרם
דער צווייטער גיט התירים
יעדער איינער פרעגט אפ יענעם
וואס דער שרייבט מותר
שרייבט דער צווייטער ס'איז ביטער
דער זאגט גן עדן זאגט יענער גהינום
חסידים קומען זיך צינויף, און דעם רעבינ'ס הויף
א שמחה מיט נחת און געזונט
קול רנה וישועה, א גרויסע זכיה
דער רבי מאכט שוין חתונה זיין קינד
אין צייטונג זעהט טויזענטער מענטשן
כאטש פיפציג טויזענט ביז נאכן בענטשען
ס'איז נישט קיין באבע מעשה, חסידים אנשי מעשה
אזוינס איז דאך עין לא ראתה
א צווייטע שרייבט נאר אן אפיניון (דעה)
סאיז קיים קים געווען דארט א מנין
איינער שרייבט קלענער
שרייבט דער צווייטער גרעסער
יעדער שרייבט ווי אזוי אידם איז בעסער
צייטונגען מיט בילדער און א צאהל
יעדע בילד איז נאר חלק מהקהל
חלק מצד דרום חלק מצד צפון
פון הונדרעט מענטשן ווערן אלפים

— פזמון —

אמעריקאנער באמבעדירן
קיין איראק אריינמארשירן
אלטס וואס טוט נאך אויף די וועלט פאסירן
דער מאכט געלט און דער טוט נאר פראבירן
און דער טוט נאר פאנטאזירן
דעם געכאפט מיט פאלשע פאפירן
און דעם געכאפט אום ליגאל שמירן
מהאט געכאפט א שחור ברעכן אפאהר טיהרן
מהאט אים באלד געטוהן ארעסטירן
G&B וועט אייך אריסטאפרן
קריס שטרייכלער איער קאפ באצירן
ליעדער'ס דייעט ווי אידר וועט וואג פארלירן
א פיש וואס קען רעדן און פארפירן
דער צייטונג וועט אייך פינקטליך קאנטלארן
טאג טעגליך ווי אזוי זיך צו פירן
אין צייטונג יש מתירין
דער צווייטע יש מחמירין
דער דריטער טוט אלעס איגנארירן

— פזמון —

צום היילגן חפץ חיים א יודל קומט ארין
און ער נעמט זיך צו באקלאגן דאן
פון מיין טאטן האב איך באקומען א געשעפט בירושה
סחורה ביליגע און פרישע איך פארקויף
מיין טאטע האט געהאט קונים אהן א שיעור
פון געשעפט געווארן גאנץ א שיינער גביר

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

זייט איך האב דעם ביזנעס אבער איבערגענומען
די קונים האבן אויפגעהערט צו קומען
פארוואס בי מיר נייט עס אזוי שוואך
כ'האב נישט געטרשט קיין שום זאך
זאגט די חפץ חיים דערציילט מיך נאר אין פרט
וואס טוסטו די ליידיגע צייט
רבי ווען קיין קונים איז נישט דא
א צייטונג ליין איך אין יענע שעה
אז ס'איז נישט דא קיין קונים
און ס'איז נישט דא קיין געלט
זאל איך כאטשיק זען וואס טוט זיך אויף דער וועלט
דער חפץ חיים זאגט דיין טאטען האב איך געקענט
ווען ער האט געהאט א ליידיגע מאמענט

האט די תהילים און גמרא פארמערט און פארמערט
דער שכן האט עס זייער שטארק געשטערט
פלעגט ער אירם קונים אנטעריקן
ענדערש מיט קונים אירם באגליקן
ווען די לייענסט א צייטונג טוסטו אירם דערקוויקן
פארוואס זאל ער דיר קונים ארייגשיקן

— פזמון —

בקרוב ווען מען הערן גיטע נייעס
מזמור שיר חנוכת הבית
ווען מען זוכה זיין אלע בשיר ורננה נעלה
יבנה המקדש עיר ציון תמלא
וישבו בנים לגבולם

## יישר כח

Exclusive Art — ישראל לאנגזאם

For always coming through on time, with a quality job.

הלל זילבר • דני זילבר • יודא זילבר — גל פז ארץ ישראל

יחיאל פוזן — מזמרים

שרגא פייוול גאלד — שירה

מיכאל שניצלר

בצלאל גאלד

מנדי לנרובייץ

ארי' אברמוביץ

ארי' פרקש

ארי' גליק

שלמה זייגער

אחרון אחרון חביב הר"ר אביש בראדט

## A SPECIAL THANKS
## to **Gideon Levine**

A very special thanks to a very special person,
who was always there for advice
and for his special insights, at GYL Studios.

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

1. מענטשעלע טראכט
2. קיינמאל נישט אליין
3. אויסגעצויגן
4. א גוטע נשמה
5. לטובה
6. א בחור אין ישיבה
7. תומכי שבת
8. בני בני
9. א ציטונג

Running time approx. 73 minutes

©&℗ כל הזכויות שמורות.

הפצה גל-פז רח' מלכי ישראל 5 טל. 02-5385514
www.galpaz.co.il

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

# א גוטע נשמה



1. מענטשעלע טראכט
2. קיינמאל נישט אליין
3. אויסגעצויגן
4. א גוטע נשמה
5. לטובה
6. א בחור אין ישיבה
7. תומכי שבת
8. בני בני
9. א צייטונג

Running time approx. 73 minutes

גל·פז

C&P © כל הזכויות שמורות. הפצה גל-פז רח׳ מלכי ישראל 5 טל. 02-5385514

pdfcd17@gmail.com

www.galpaz.co.il